# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים



## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף אמן און דאווענען אין די פרשה

### א ברכה אויף די מצוה פון 'לך לך'

"וַיֹּאמֶר ה' אֶל אַבְרָם לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית אָבִיךָ אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ" (יב א)

**רבי שניאור קאטלער** דער ראש ישיבה פון ליעקוואד, האט זיך געשטעלט אויף די ספעציעלע באפעל וואס איז געגעבן געווארן אין דער פסוק: "לך לך", און האט געזאגט: פון דער באפעל קען מען זיך לערנען איבער די חשיבות פון דער וועג וויאזוי דער מענטש גייט מקיים זיין דעם ציווי ה', דאווענען אדער מקיים זיין א מצוה; א מענטש וואס טוט בזריזות און מיט חשק, דאס עצם גיין וועט אים צוברענגען חיזוק און התעוררות צו מקיים זיין די רצון ה' בשלימות, און אויך אנדערע וואס זעהן אים ווערן נתעורר צו גיין אין זיינע וועגן, און פון די צווייטע זייט אויב נישט, פארלירט ער חלילה פון די ווערד פון די מצוה.

אין נאמען פון איינער פון די חכמי ירושלים האט רבי שניאור צוגעלייגט אז ביי די ברכה: "המכין מצעדי גבר" וואס מיר זאגן יעדן אינדערפריה ביי די ברכות השחר, אויסער די לויב וואס צוליב דעם האט מען עס מתקן געווען - אויף די כח פון 'גיין' וואס דער באשעפער האט אונז געשאנקען (ראה רבנו מנוח תפילה ז ו), קען מען עס אויך רעכענען ווי א 'ברכת המצוות' - אויף די אלע פעלער וואס מיר וועלן גיין אין דעם טאג דאווענען און טון אנדערע מצוות, וואס ווי געזאגט ווערן זיי פאררעכענט פאר א מצוה פאר זיך.

'קול התורה' חוברת סא עמ' מב

### 'לך לך' איז גימטריה מאה ברכות

"וַיֹּאמֶר ה' אֶל אַבְרָם לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית אָבִיךָ אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ" (יב א)

מיר האבן געלערנט אין משנה (אבות ה ג): "עשרה נסיונות נתנסה אברהם אבינו ועמד בכולם". די משנה רעכנט נישט אויס די צען נסיונות, און עס זענען דא אין דעם עטליכע דעות: עס זענען דא וואס דאס אריינווארפן אברהם אין אור כשדים רעכענען זיי פארן ערשטן נסיון (רבינו יונה וברטנורא שם), אבער דער רמב"ם (שם) האלט אז דער ערשטער נסיון איז געווען די ציווי: "לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ". דער לעצטער נסיון לויטן רמב"ם און רוב המפרשים איז די נסיון העקידה, ווען אברהם איז באפוילן געווארן (בראשית כב ב): "וְלֶךְ לְךָ אֶל אֶרֶץ הַמֹּרִיָּה".

**רבי יהושע אבן שועיב**, א תלמיד פון רשב"א, ברענגט אויף דעם א וואונדערליכן מדרש: "די צען נסיונות האבן זיך אנגעהויבן מיט 'לך לך' און זיך געענדיגט מיט 'לך לך', און 'לך לך' איז בגימטריה מאה - א רמז אויף די מאה ברכות. און וועגן דעם איז יצחק נישט געבוירן געווארן ביז זיין פאטער אברהם איז אלט געווען הונדערט יאר".

'דרשות רבי יהושע אבן שועיב'

די דורשי רשומות לייגן צו, דער פסוק איז אויך מרמז אז דער וואס איז מקפיד זאגן די מאה ברכות מיט כוונה און דאנקט הקב"ה אויף יעדע הנאה וואס קומט אים אונטער, ווערט ער דורך דעם דבוק אין הקב"ה און זיין זעל ווערט אפגעטיילט פון די ארציות און גשמיות; דורך "לך לך" - ד.מ. מאה ברכות, ווערט דער מענטש אפגעזונדערט און דערווייטערט "מארצך".

'פז רב'

### אברהם אבינו איז משלים א מנין ביז צו די 'חתימה'

"וְאֶעֶשְׂךָ לְגוֹי גָּדוֹל וַאֲבָרֶכְךָ וַאֲגַדְּלָה שְׁמֶךָ וֶהְיֵה בְּרָכָה" (יב ב)

**רבי נפתלי הירץ בכרך**, דער תלמיד פון מהר"י סרוג - א תלמיד פון אר"י הקדוש, האט דערציילט א וואונדערליכע ערציילונג וואס האט פאסירט אין שטאט חברון:

אין יענע תקופה האבן געוואוינט אין חברון ווייניג אידן, ווען אלע זענען געווען חסידים וקדושי עליון. כדי זיי זאלן האבן מנין אום שבת און אין ימים טובים, פלעגן עטליכע פון די ארומיגע דערפער קומען משלים זיין די מנין.

אין א געוויסע ערב יום כיפור האבן זיך פארזאמלט אין שול ניין מתפללים און האבן געווארט אויף די דארפ'ס לייט זיי זאלן קומען משלים זיין א מנין ווי געראכטן. ווען עס האט אנגעהויבן טונקל צו ווערן און די דארפ'ס לייט זענען נישט אנגעקומען, האבן די ערליכע אידן פון חברון אויסגעבראכן אין א געוויין ציטערנדיג טאמער זיי וועלן מוזן דאווענען די תפילות פון יום הקדוש אן קיין מנין. פלוצלינג איז אריינגעקומען אין שול א עלטערער מענטש, מיט זייער א שיינער געשטאלט, ער האט זיי פריינדליך באגריסט און מיטגעדאווענט מיט זיי די אלע תפילות פון יום הקדוש ביז נאך די תפילה פון נעילה.

מוצאי יום כיפור האבן די מתפללים אנגעהויבן זיך טענה'ען ווער פון זיי וועט זוכה זיין אריינעמען דעם גאסט אויף די סעודה פון מוצאי יום כיפור. אין ענדע האט מען געמאכט א גורל און עס איז געפאלן אויפן חזן וואס איז געווען באקאנט פאר א הייליגער מענטש. דער חזן איז ארויס פון שול גליקליך און פרייליך אין באגלייטונג פון זיין גאסט, אבער פלוצים האט ער באמערקט אז ער גייט אליין. דער גאסט איז פארשווינדן געווארן. ביינאכט האט דער גאסט זיך אנטפלעקט פארן חזן אין חלום און אים דערציילט אז ער איז נישט קיין אנדערער ווי אברהם אבינו עליו השלום, וואס האבנדיג רחמנות אויף זיינע קינדער די חברונ'ער איינוואוינער האט ער באקומען רשות צוקומען צו זיי און משלים זיין די מנין.

האדמו"ר **רבי שלמה הכהן מראדאמסק** שרייבט אז מ'קען טרעפן א רמז אויף די מעשה פון די דרשה פון חז"ל (פסחים קיז ב) אויף דער פאלגענדער פסוק: "וֶהְיֵה בְּרָכָה" - "בך חותמין", דא איז מרומז אז אברהם האט געדאווענט מיט די אידן אין חברון ביז נאך די תפילה פון נעילה, וואס דעמאלטס איז די גמר החתימה.

'עמק המלך' [לרנ"ה בכרך, אמסטערדאם ת"ח] הקדמה ג פרק י; 'תפארת שלמה'

### פארזאגן פאר די כהנים

"וַאֲבָרְכָה מְבָרְכֶיךָ וּמְקַלֶּלְךָ אָאֹר וְנִבְרְכוּ בְךָ כֹּל מִשְׁפְּחֹת הָאֲדָמָה" (יב ג)

**רבי שלמה אפרים מלונטשיץ** זאגט:

כדי דער מענטש זאל קענען בענטשן א צווייטן, דארף ער אליין זיין 'מלא בברכת ה'". ווייל עס איז דאך נישט קיין פארגלייך א השפעה וואס קומט פון א פולע און געהאפנטע כלי, צו א השפעה וואס קומט פון א כלי וואס ענהאלט אין זיך נאר אביסל. מיט דער יסוד קען מען ערקלערן פארוואס ווען די כהנים בענטשן די אידן, זאגט פון פריער דער שליח ציבור די ווערטער און ליינט זיי פאר די ווערטער פון די ברכה; פון הערן די ברכות וואס קומען ארויס פון די מויל פון די חזן ווערן די כהנים אנגעפילט מיט ברכה, און דורך דעם קענען זיי בענטשן די אידן.

דאס זאגט הקדוש ברוך הוא פאר אברהם: "וַאֲבָרְכָה מְבָרְכֶיךָ", ווען איינער וועט דיך וועלן בענטשן, וועל איך אים פריער בענטשן, כדי ער זאל האבן די מעגליכקייט דיך וואונטשן.

'כלי יקר'

## רבי יהודה צדקה זצ"ל



### יב חשון תשנ"ב

דער גאון רבי יהודה יהושע חיים צדקה איז געבוירן געווארן אין ירושלים אין יאר תר"ע צו זיין פאטער רבי שאול. אין יאר תש"ל איז ער אויפגענומען געווארן צו שטיין אין שפיץ פון די ישיבה 'פורת יוסף'. ער איז נפטר געווארן י"ב חשון תשנ"ב און איז געקומען למנוחת עולמים אין בית הקברות סנהדריה.

ברכות השחר: אויפן קול | מיט כוונה | מיט א חברותא.

## ברכה משולשת

"כדי דער מענטש זאל זיך איינגעוואוינען ארויסזאגן די ווערטער פון די ברכה ווי עס דארף צו זיין, און זיי אויך זאגן מיט כוונה און ערנסקייט, זאל ער צוטיילן יעדע ברכה אויף דריי חלקים: א. די אנהויב ברכה: - "ברוך אתה ה'" ב. די מיטלסטע טייל: "אלוקינו מלך העולם" ג. די ענדע פון די ברכה..."

'שערי ברכה' עמ' ב אין נאמען פון הגר"י צדקה

## אוצרות אמונים

פותחין לו שערי גן עדן

### א סעריע ערקלערונגען (ב)

די חכמים (שבת קיט ב) האבן צוגעזאגט א וואונדערליכן ספעציעלן שכר פאר דער וואס איז מקפיד צו ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין: "כל העונה אמן בכל כוחו פותחין לו שערי גן עדן". דער שכר לערנען זיי ארויס פון דער לשון הפסוק (ישעיה כו ב): "'פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שמר אמנים' - "אל תקרי 'שמר אמנים' אלא 'שאומרים אמן'". אין די פאלגנדע מאמר וועלן מיר צולייגן און ברענגען א סעריע ערקלערונגען פון די גדולי הדור איבער די באדייט פון דער שכר, און זיין ספעציעלע פארבינדונג מיט די מצוה פון ענטפערן אמן.

### די טויערן ווערן געעפענט פאר זיין גאנצע דור

רבי שמואל ראזאווסקי, ראש ישיבת פאנאוויטש, האט פון דעם וואס ריש לקיש האט אנגעכאפט א לשון רבים "פותחין לו **שערי** גן עדן" ארויסגעלערנט אז ווען א מענטש איז מקפיד צו ענטפערן אמן בכל כוחו און מיט א איבערגעגעבנקייט, ווערן די שערי גן עדן געעפענט נישט נאר פאר אים, נאר זיין גאנצע דור איז זוכה צוזאמען מיט אים. דער לשון הפסוק וואס פון דעם האט ריש לקיש ארויסגעלערנט זיין דרשה איז אויך א ראיה צו דעם: "פתחו **שערים** ויבוא **גוי** צדיק", 'גוי' איז טייטש א 'פאלק', דיך צו לערנען אז גאנץ כלל ישראל איז זוכה עס זאל זיך עפענען אסאך טויערן אין זכות פון "שומר אמונים" - דער יחיד וואס האט מקפיד געווען אויף ענטפערן אמן.

א מקור אויף דער יסוד אז א מענטש וואס טוט זיך איבערגעבן מקיים זיין א מצוה, קען מזכה זיין זיין גאנצער דור אויף עולם הבא, קען מען טרעפן אין די מעשה וואס ווערט געברענגט אין גמרא (עירובין נד ב): דער אמורא רבי פרידא האט געהאט א תלמיד וואס האט נישט פארשטאנען וואס מ'האט געלערנט נאר נאכן אים ערקלערן פיר הונדערט מאל. רבי פרידא האט נישט געקוקט אויף זיין צייט און כח און זיך געפלאגט איבערזאגן פיר הונדערט מאל. איינמאל איז פאר דעם תלמיד שווער געווען זיך קאנצענטרירן און האט נישט פארשטאנען אויך נאכן ערקלערן פיר הונדערט מאל, ווען רבי פרידא האט עס געזען, האט ער איבערגעלערנט נאך פיר הונדערט מאל. איז ארויסגעקומען א בת קול וואס האט געזאגט אז אין דעם זכות וועט רבי פרידא צוזאמען מיט זיין גאנצן דור זוכה זיין צו עולם הבא. זעט מען אז איינער וואס געבט זיך איבער צו מקיים זיין א מצוה, איז מזכה נישט נאר זיך, נאר זיין גאנצע דור, אזוי אויך לגבי די מצוה פון ענטפערן אמן קען מען זאגן אז דער וואס איז איבערגעגעבן עס מקיים זיין מיט זיין גאנצע כח, איז מזכה זיין גאנצע דור עס זאל זיך עפענען פאר זיי די שערי גן עדן ('נוטרי אמן' ח"א עמ' נ).

### אמן - אריינטריט-קארטל אין גן עדן

רבי ליפא זילבערמאן, דער מנהל רוחני פון תלמוד תורה קאמעניץ, האט זיך אויסגערעדט פארן משגיח פון די קאמעניצער ישיבה, רבי משה אהרן שטערן, טראץ ער האט אסאך מאל פרובירט מעורר זיין זיינע תלמידים אויף די חובה און זכות וואס עס איז דא אין ענטפערן אמן מיט כוונה, דאך זענען די ווערטער נישט אריין אין זייער הארץ. רבי ליפא האט געבעטן פונעם משגיח א געדאנק וואס דורך דעם וועלן די ווערטער אריינגיין אין די הערצער פון זיינע תלמידים. אינמיטן אריינטראכטן, האט אויפגעבליצט אין זיין הארץ א וואונדערליכן רעיון, און האט אים אזוי געזאגט:

אין חוץ לארץ איז איינגעפירט אז דער וואס איז איינגעלאדנט אויף א חתונה דארף פון פריער באשטעטיגן פאר די בעלי השמחה אז ער וויל זיך באטייליגן ביי די שמחה, און דעמאלטס שיקט מען אים א אריינטריט-קארטל צו די חתונה. אמאל האט פאסירט - האט דער משגיח דערציילט - אז איך האב פארגעסן באשטעטיגן אז איך וויל זיך באטייליגן אין די חתונה, איך האב זיך אנגעשטרענגט און איך בין געפארן צו די חתונה טראכטנדיג אז מיר וועט מען זיכער דערקענען און אריינלאזן אויך אן קיין קארטל. אבער אנקומענדיג אין זאל האט דער שומר מיך נישט אריינגעלאזט אן איך ווייז אים א אריינטריט קארטל. איך האב אים ערקלערט מיין שטעלע, און אז איך בין א נאנטער פריינד פארן בעל השמחה, איך האב געבעטן ער זאל מיר ארינלאזן נאר אויף עטליכע מינוט, אבער גארנישט האט נישט געהאלפן, איך האב געמוזט זיך צוריק קערן אזוי ווי איך בין געקומען...

אויך דער מענטש, ווען ער קומט אן אין בית דין של מעלה נאך די הונדערט און צוואנציג יאר, ווערט פריער גע'משפט אין גיהנם, און דערנאך וואס ער איז זוכה ארויסגיין פון דארט ריין און אויסגעלויטערט, גייט ער פרייליך צו זיין ארט אין גן עדן, אבער ביי די טויער שטייט א מלאך און בעט א 'אריינטריט-קארטל'. דער מענטש וואונדערט זיך: וואס? דא איז אויך דא א אריינטריט-קארטל? איך האב דאך געבויט פאר מיר א גרויסע פלאץ אין 'גן עדן' פון די אלע מצוות וואס איך האב מקיים געווען, פארוואס זאל מען מיך אפהאלטן פון צו הנאה האבן פון דעם?

אבער דער מלאך וואס איז געשטעלט ביים טויער ענטפערט אים: דיין פלאץ איז אוועקגעלייגט פאר דיר אינעווייניג, אבער ביים אריינגאנג דארף מען ווייזן א קארטל, און וואס איז די קארטל? עס שטייט אין פסוק: "פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שומר אמונים"; דער וואס ענטפערט אמן מיט כוונה עפענט זיך אויף פאר אים די טויערן פון גן עדן, און אן דעם זענען די טויערן פארשלאסן און מ'קען נישט אריינגיין... ('המשגיח דקמניץ' עמ' 204).

## מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

### א ישועה אין הארץ פון די אפריקאנער סאפארי

די פאלגנדע ערציילונג איז לעצטנ'ס פארשפרייט געווארן, איבער א אידישע פאמיליע וואס האט זיך געטראפן אין א ענגשאפט אינמיטן א אויספלוג אין איינע פון די מערסטע פאפולער'ע פלעצער אין אפריקע, דאס איז די גרויסע סאפארי וואס געפונט זיך אינמיטן די קרוגער-פארק אין דרום אפריקע.

פארשטייט זיך אז אזא אויספלוג איז פארבינדן מיט פארשידענע איינשטעלענישן, אבער פון די צווייטע זייט ברענגט עס א ספעציעלע פארגעניגן - א באגעגעניש מיט די מערסטע מסוכנ'דיגע חיות, וויאזוי זיי לעבן אין זייער נאטורליכע געגנט וואס געבט זיי די פרייהייט זיך צו פירן ווי אזוי זיי ווילן, און אויך זען די שיינע נאטורליכע בריאה.

די סאפארי איז אויסגעשפרייט אויף א ריזיגן באדן, און א אויספלוג דארט נעמט ארום דריי טעג נאכאנאנד, אין לויף פון די טעג טרעפט מען זיך אן מיט פארשידענע סארט חיות, און מ'בהט הנאה פון די שיינקייט פון די בריאה און מ'טוט לויבן ה' אזוי ווי עס שטייט "מה רבו מעשיך ה'".

פאמיליע ק., א אידישע פאמיליע וואס וואוינט אין דרום אפריקע האט אין לויף פון א גאנצע יאר גע'חלומ'ט אויף די ערווארטענע אויספלוג אין די סאפארי און ווען עס איז געקומען די זומער-טעג האט די התרגשות צווישן די קינדער דערגרייכט די הויכע שטאפלען.

א טאג פארן ארויספארן האט דער פאטער געבראגט פון זיין פריינד א אלטע דזשיפ וואס מיט דעם האט ער געוואלט פארגרעסערן די הנאה פון דער אויספלוג. ווען עס איז געקומען די ערווארטענע טאג, בעפאר עס האט אויפגעשיינט די מארגן-שטערן זענען זיי פריה אויפגעשטאנען, זיך ארגאנעזירט מיט זייערע רענצלעך און קוים געקענט ווארטן אויף די צייט וואס מ'האט געדארפט ארויסגיין צו די אויספלוג. אינצווישן איז דער פאטער געווען איבערגעבויגן אונטער די בלעך פון העכער די מאטאר וואס איז אפן געווען, און איבערגעקוקט צי די טאנק פון די אויל און וואסער זענען אין ארדענונג אזוי ווי עס איז איינגעפירט צו טון בעפאר אזא לאנגע רייזע. עפעס אין די וואסער-טאנק האט אים נישט געלאזט רואיג; נעכטן האט ער אנגעפילט די טאנק ביז אויבן, און יעצט באמערקט ער אז עס איז אביסל וויניגער געווארן - וואס דאס קען באדייטן אז אין די רערל-סיסטעם איז פארהאן א לאך.

דער פאטער האט זיך קאנצענטרירט אונטער די מאשין ווען ער העלפט זיך ארויס מיט א פלעש-לייט וועלנדיג טרעפן וואו עס רינט, אבער עס זעט אויס אז דער שאסיי אונטער די דזשיפ איז טרוקן געווען און קיין צייכן פון רינען. ער איז געווען אביסל דערשראקן, און אין ענדע האט ער באשלאסן זיך ארויסלאזן אויפן וועג מיט די דזשיפ. צו זיין מער רואיגער האט ער מיטגענומען צוויי פאסיגע גרויסע פלעשער אנגעפילט מיט וואסער, און באשלאסן אז פון מאל צו מאל וועט ער נאכקוקן די וואסער-טאנק און אנפילן ווען עס וועט פעלן.

נאך עטליכע שעה'ן פון פארן זענען זיי אנגעקומען צו די טויערן פון די פארק. נאכן ענדיגן באצאלן און ערלעדיגן די טעכנישע זאכן וואס זענען פארבינדן מיט א אויספלוג אין סאפארי, האט מען זיי ערקלערט באריכות די וויכטיגע אנווייזונגען וואס ווערן געפאדערט פאר די וואס שפאצירן אין סאפארי, און אויך די פארשידענע וועגן וואס דורך דעם קען מען דאס מערסטע געניסן פון די אויספלוג. "דאס ארגסטע איז בלייבן שטעקן מיט די מאשין אינמיטן אויספלוג, אויף די אויסגעפלאסטערנע שאסייען, און אוודאי פארנדיג אין זאמד" - האט מען זיי געזאגט, און צוגעלייגט מיט א ערנסקייט: "די סאפארי איז פיל מיט פארצוקונדע חיות וואס קענען ח"ו שעדיגן מענטשן. אויב פאסירט עפעס פאר ענקער מאשין און עס קען נישט פארן ווייטער, טארן ענק נישט ארויסגיין פון די מאשין עס צו פאררעכטן; אויב ענקער סעלפאון האט סערוויס פארבינדט אייך אין די אפיס פון די סאפארי, און אויך אויב נישט - זאלן ענק ווארטן געדולדיג אין ענקער מאשין ביז די מאשין פון די שטאב פון די סאפארי וואס פארט ארום יעדע שטיקל צייט וועט אריבערפארן נעבן ענק. זיי וועלן ענק שון העלפן אנקומען צו א פארזיכערטע פלאץ".

נאכן הערן די אלע אנווייזונגען און ווארענונגען זענען זיי ערלויבט געווארן זיך ארויסלאזן אויף די רייזע. דער פאטער האט גוט געפירט די דזשיפ צווישן די קליינע וועגן אין פארק, אינמיטן פארן, נאכן זיך אדורכרעדן מיט א גוטער חבר וואס האט זיך גוט אויסגעקענט אין די אלע געדרייטע וועגן פון די סאפארי, האט ער באשלאסן אראפפארן פון די אויסגעטרויטענע וועג צו א זייטיגע וועג. פון מינוט צו מינוט האט זיך ארויסגעוויזן אז דאס אראפפארן אויף די זאמד האט זיך געלוינט. זייער הנאה פון די אויספלוג איז געווען העכער אלע ערוואטונגען; די אויגן פון די קינדער זענען געווען צוגעבינדן צו די פענסטער, קוקן מיט הנאה אויף די חיות וואס האבן זיך געדרייט פריי ארום די מאשין. פון מאל צו מאל האבן זיי זיך אפגעשטעלט צו קענען באטראכטן פון די נאנט די גרויסע און קליינע חיות וואס האבן אנגעפילט די וואלד.

ווער עס האט די ווייניגסטע הנאה געהאט איז געווען דער פאטער. אויסער זיין פלאג מיטן פירן די דזשיפ אין דעם שווערן פעלד, איז ער געווען צוטראגן אין זיינע געדאנקען ציטערנדיג פון וואס עס קען פאסירן אויב די מאשין וועט שטיין בלייבן אין די ליידיגע פלאץ. צו זיין גרויסער ווייטאג ביז עטליכע מינוט האט זיך ארויסגעוויזן אז זיין זארג איז ריכטיג געווען, ווען ער האט באמערקט אז די מעסטער-פון די היץ פון די מאטאר האט אנגעהויבן אביסל ארויפגיין. ער האט פרובירט פארן פארזיכטיג און וואס ווייניגער אנשטרענגען די מאטאר, אבער ווען אלע האבן אנגעהויבן פילן דעם פארברענטן גערוך וואס איז ארויפגעקומען פון די ריכטונג פון די מאטאר, האט דער פאטער פארשטאנען אז ער וועט זיך דארפן אפשטעלן און ווארטן אויף הילף.

אבער, די וועג וואס ער האט באשלאסן צו פארן איז נישט געווען אויף די הויפט-וועג ווי אלע אנדערע זענען געפארן. ער האט זיך פארבינדן צו די פאליציי פון די פארק און זיך אנגעשטרענגט זיי ערקלערן וואו ער געפונט זיך, זיי האבן צוגעזאגט צו שיקן אהין א מאשין צו זיי, אבער די רויעך וואס האט אנגעהויבן ארויפגיין פון די ריכטונג פון די מאטאר צוזאמען מיט די שארפע גערוך האבן קלאר געשטעלט פארן פאטער אז ער וועט נישט קענען ווארטן ביז די פאליציי פון פארק וועט זיי קומען ראטעווען.

די צוויי מעגליכקייטן וואס זענען געשטאנען פאר אים זענען געווען - בלייבן אין די מאשין און זיין אין א געפאר פון א שריפה חלילה, אדער ארויסגיין פון די מאשין און איינשטעלן דאס לעבן מיטן זיך קענען טרעפן מיט פארצוקונדיגע חיות. די צוויי אפציעס זענען געווען שרעקעדיג, אבער די צווייטע אפציע האט אויסגעזען וויניגער איינגעשטעלט... און ער האט געמוזט באשליסן.

משפחת ק. פלעגן נישט גיין אין שול יעדן טאג, אבער אין יענע שווערע צייט, ווען זייער לעבן איז געווען אין געפאר, האט זיך ערוועקט זייער הארץ שרייען און דאווענען. בעפאר זיי זענען אראפ פון די אויטא האבן זיי געדאוונט פון טיפן הארץ צום באשעפער אין הימל ער זאל זיי העלפן אין זייער שווערע לאגע און זיי ראטעווען פון די ציין פון די ווילדע חיות.

נאכן ענדיגן בעטן זענען זיי אראפ פון די דזשיפ ווען א שרעקליכער פחד פילט אן זייער הארץ, זיי האבן שנעל ארויסגענומען זייערע פעקלעך פון די באגאזש, זיי האבן קוים אנגעיאגט זיך צו דערווייטערן און די מאשין האט שוין באלד אנגעהויבן ארויפגיין אין פלאמען. וויסנדיג אז עס גייט נעמען אסאך צייט ביז זיי וועלן זיך טרעפן אין די הענט פון זייערע רעטער, האבן זיי אנגעהויבן גיין אויף די וועג וואס פירט צו די הויפט שאסיי ווען אגאנצע צייט דאווענען זיי צום באשעפער ער זאל זיי ראטעווען, פון צווישן די ביימער ארום זיי האבן זיי געהערט א גרודער פון חיות וואס האבן געווארט צו קענען פארצוקן, און פלוצלינג האט פאסירט א נס.

אזוי ווי פון הימל האבן זיי באמערקט א שיירא פון די דריי דזשיפ'ן וואס פארן צו זייער ריכטונג, יא, אין די פארדרייטע וועג וואו זיי זענען געגאנגען. די פאליציאנטן וואס זענען געזיצן אין די ערשטע דזשיפ זענען שאקירנד געווען פון וואס זיי האבן געזען - א גאנצע פאמיליע שלעפט זיך מיט רענצלעך אין הארץ פון די געפארפולע סאפארי.

זייער שנעל זענען זיי צוטיילט געווארן צווישן די דריי דזשיפן. באלד ביים ארויפשטייגן האט דער געריטער פאטער דערציילט פארן פאליציאנט וואס איז געזיצן נעבן אים וואס עס איז אריבער אויף זיין פאמיליע אין די לעצטע שעה, און איז זייער איבערראשט געווארן ווען דער פאליציאנט מיט די טונקעלע הויט האט זיך אנגערופן פול מיט התפעלות:

"איך בין זיכער אז אין הימל האט מען אנגענומען ענקער תפילה און אונז געשיקט צו ענק; מיר זענען נישט פון די פאליציי פון די פארק נאר פון א דערנעבנדיגע סטאנציע. מיר האבן היינט געהאט ליידיגע צייט און מיר האבן אפגעמאכט עס אויסנוצן אויף מאנעווער'ס אין די פארק. ווייל מיר האבן געזוכט א ליידיגער פלאץ זענען מיר אראפ באלד ביי די ערשטע ליידיגע פלאץ וואס מיר האבן געזען, און געציילטע מינוטן נאכדעם האבן אונז ענק געטראפן".

פון דא קענען מיר זיך לערנען ווי ווייט דערגרייכט די כח פון תפילה; כאטש עס רעדט זיך פון איינפאכע אידן וואס קוים באזוכן זיי אין שול, אבער ווען זיי האבן געשריגן פון די טיפעניש פון זייער הארץ צו זייער פאטער אין הימל, זענען זיי באלד געהאלפן געווארן אויף א וואונדערליכן וועג.

'קול ברמה' ניסן תשפ"א

עיצובים shay